גוט שבת אלע אידן. די וואכעדיגע פרשה רעדט די וואך וועגן די פטירה פון אהרן הכהן ז"ל. דער מדרש און זוהר ברענגען אין עטליכע פלעצער אז אהרן הכהן ע"ה איז א בחינה פון "חסד," אזוי ווי עס שטייט אין מדרש "חסד זה אהרן." וויבאלד אז אהרן איז געווען אן "איש חסד" איז כדאי אביסל צו רעדן די וואך וועגן דעם געוואלדיגן מידה פון חסד.

די פסוק אין תהלים שטייט "עולם חסד יבנה." (פט,ג) זאגט די מדרש א מוראדיגע משל אויפ'ן חשיבות פון חסד. דער מדרש זאגט אז די כסא הכבוד שטייט כביכול אויף חסד! אזוי ווי עס שטייט אין נביא: "והוכן בחסד כסא." (ישעיה טז,ה) "למה הדבר דומה," זאגט דער מדרש, "לכסא שהיו לו ארבע רגלים," צו א בענקל מיט פיר פיס, "והיה האחד מתמוטט, על שהיא קטנה," און איינע פון די פיר פיס האט געהאלטן ביים איינפאלן, "נטל צרור וסמכו," און דער אייבערשטער האט גענומען א קליינע בינטל, און ער האט עס געלייגט אונטערן פערדן פיס, "כך היה כסא של מעלה כביכול שמתמוטט, עד שסמכו הקב"ה, ובמה סמכו, בחסד, הוי אמרתי עולם חסד יבנה." אזוי איז דער כסא הכבוד, וואס איין פיס פון עס איז געווען שוואך, איז חסד געקומען אויפצוהאלטן דעם כסא הכבוד! (מדרש תהלים פרק פט, סימן ב) די פאלגענדע מוראדיגע מעשה ווייזט אויף די מידה פון חסד.

פון תש"ל ביז תשמ"ח אין די לעצטע אכצען יאר פון אירע לעבן, האט די ליובאוויטשער רביצן חיה מושקע ע"ה געהאט א משרתת וואס האט געהייסן "חסד האלבערשטאם" (אירע עכטע נאמען!) לצורך הענין האט מען מתיר געווען דעמאלט אז מרס. האלבערשטאם זאל האבן א "דרייוועור ליסענס" כדי ארומצופירן די רביצן צו דאקטוירים און שאפינג און אפוינטמענטס וכו'. וויבאלד אז די רביצן איז געווען אביסל שוואך, האט מען געדארפט האבן איינע וואס האט איר געקענט העלפן אריין און ארויסקומען פונעם קאר וכו'. דאס איז געווען דעם תפקיד פון מרס. האלבערשטאם פאר אכצען יאר!

בקיצור, דער ליובאוויטשער רבי זצ"ל האט געהייסן דעמאלט אז מען זאל ווי מער ארויסנעמען די רביצן פונעם הויז צו קענען שעפען פרישע לופט וכו'. מרס. האלבערשטאם האט אסאך מאל גענומען די רביצען צו פארקס אין לאנג איילאנד. עס איז געווען א געוויסע תקופה ווען מרס. האלבערשטאם האט מיטגענומען אירע קינד אויפן רייזעס מיט דער רביצן. די רביצן, וואס ליידער האט נישט געהאט קיין אייגענע קינדער, האט הנאה געהאט מיטצוברענגען דעם קינד צום פארק.

איין טאג האט מרס. האלבערשטאם געדארפט אויפנעמען אירע קינד, און וועגן דעם זענען זיי ארויסגעפארן אויפ'ן באשטימטען וועג מיט'ן רביצן כדי אויפצופיקען דעם קינד. בקיצור, אויפן וועג צום קינד, זענען זיי געקומען צו א געוויסע פרשת דרכים און עס איז געווען דארט "קאנסטראקשאן" און אלע טראפיק האט געדארפט פארן אויף א צווייטן גאס. נו, אלעס איז באשערט...

פלוצלינג זענען זיי דורכגעפארן אויף א גאס און זיי האבן געהערט ווי א אידישע פרוי שרייט אויף רוסיש. מרס. האלבערשטאם איז ווייטער געפארן. אבער, די רעבעצין האט איר געהייסן אפשטעלן צו זען וואס טוט זיך דארט.

מרס. האלבערשטאם האט געזען ווי מענטשן האבן ארויסגענומען מעביל פון א דירה עס געלייגט אויף א גרויסע טראק. מרס. האלבערשטאם האט געפרעגט וואס גייט פאר, און די מענטשן האבן מסביר געווען אז זיי זענען געקומען פונעם "שעריף" ארויסצווארפן יענע פרוי פון אירע דירה ווייל זי האט נישט באצאלט די "רענט." מרס. האלבערשטאם איז צוריקגעגאנגען צו דער רביצן און איר מסביר געווען וואס דער מעשה איז געווען.

די רביצן האט איר צוריקגעשיקט צו פרעגן דעם "שעריף" וויפיל רענט איז יענע פרוי שולדיג געווען. מרס. האלבערשטאם איז צוריקגעקומען זאגענדיק אז די סכום איז געווען $6,700. די רביצן האט דעמאלט געשיקט איר פרעגן צי דער שעריף וועט נעמען א "טשעק." זיי האבן געזאגט אז "יא" זיי זענען גרייט געווען צו נעמען א טשעק, טאמער זיי קענען רופן דעם באנק צו פרעגן אויב עס איז דארט גענוג געלט אין יענע אקוינט צו דעקן דעם טשעק. די רביצן האט גלייך ארויסגענומען א טשעק און געשריבן א טשעק פארן גאנצען סכום! די רביצן האט געהייסן אז מרס. האלבערשטאם זאל עס איבערגעבן אבער זי זאל גארנישט זאגן צו יענע פרוי. מרס. האלבערשטאם האט איר געפאלגט און זי האט גלייך אראפגעלייגט די טשעק פאר'ן שעריף.

דער שעריף האט גלייך געהייסן אז מען זאל אראפברענגען אלע זאכן און צוריקלייגן אין יענע פרוי'ס דירה. און מיט דעם האט די רביצן געהייסן אז מען זאל שנעל אוועקפארן בעפאר יענע רוסישע פרוי וועט "כאפן" וואס איז געשען.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום פארק, האט די רביצען געזען אז מרס. האלבערשטאם איז זייער נייגעריג געווען צו וויסן דעם פשט אין די רביצן'ס אויפפירונג. דאן האט די רביצן אנגעפאנגען מסביר צו זיין וואס די חשבון איז געווען. "ווען איך בין געווען א מיידל, האב איך איינמאל געכאפט א שפאציער מיט מיין טאטן (רבי יוסף יצחק, דער פריערדיגער ליובאוויטשער רבי זצ"ל). מיר זענען געווען אין א פארק, און מיין טאטע האט מיך מסביר געווען דעם מושג פון השגחה פרטית. מיין טאטע ז"ל האט מיך געזאגט אז יעדע זאך אין לעבן איז געפירט דורכן אייבערשטען. און טאמער א מענטש ווערט געפירט צו א געוויסע פלאץ ווי ער האט נישט געמיינט צו זיין, זאלט ער וויסן אז אלעס איז השגחה פרטית, און ער געפינט זיך דארט מתקן צו זיין עפעס."

"ווען איך האב געזען דא אז מיר האט געדארפט מאכן אן ארומוועג וועגן דעם "קאנסטראקשאן," האב איך געוואוסט אז איך האב געדארפט עפעס מתקן זיין דארט. ווען מיר האבן געטראפן יענע פרוי אין א שווערע מצב, האב איך געוואוסט אז וועגן דעם האט דער אייבערשטער אונז געפירט דארט, צו טון חסד פאר די פרוי!" **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נשואי נכדתו בת לחתנו הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים
לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל.

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)**

**מדה טוב מרובה! אויב מ'רעדט דברי תורה און תפילה אין שול איז מען מוסיף חיים, "כי הם חיינו ואורך ימינו..."**